

# א זיסקייט אין שבת

יו"ל ע"י ישיבת 'חיים של תורה - לובלין פעיה"ק ירושלים ת"ו
בראשות הגאון רבי מנחם יאווע שליט"א - בעל 'מתיקות התורה'

## משיחותיו של מורינו ראש הישיבה שליט"א

### ווער האט פארכאפט דעם בכור וואס מ'דארף אויסלייזן?!

מצרים די וועלטס בארימסטע לאנד איז צעשמעטערט, צעריסן אויף שטיקער. זיין טיטל 'די וועלטס-מאכט' איז א פארגעסענע. 'איר' וואונד איז גרויס און די וועלט איז צעטרייסלט, קיינער האט דאס נישט פאראויסגעזען.

דער איבערשטנס באליבטן פאלק איז ארויס א העלד קעגן די אומזיגבארע אייזן-שטארקע מאכט און זיי בייגעקומען פארקערט ווי געראכטן, אלעס מיט איבערראשנדיגע מאכטפולע ניסים, ביז די הויכפונקט "**ויהי בחצי הלילה**" ווען איבער א מיליאן נפשות האבן ארויס שפאצירט מיט א שנעלקייט, לאזנדיג איבער א פאר'חרוב'עט לאנד און אן איבערראשנדיגן פרעה מיט זיינע אומגליקליכע דערשלאגענע בירגער. דאס זענען די וואונדערליכע ווערק וואס אונזער באליבטער טאטע האט אנגעברענגט אויף אונזערע פיינט.

#### אלעס איבערדרייען לטובה

דער לעצטער פארלאנג און באפעל פונעם רבש"ע ממש פארן ארויסגיין פונעם לאנד איז געווען: "**קדש לי כל בכור פטר כל רחם בבני ישראל באדם ובבהמה לי הוא**", די ענין פון מצות פדיון הבן און פדיון פטר חמור איז א וויכטיגע וואס געהערט באמת'ן אריין צו אלע מצוות און זאכן אין לעבן ווייל יעדן מינוט איז דא א משפט, א געריכט צו עס זאל אראפקומען גוטס אויף די וועלט אדער שלעכטס ח"ו, און די צדיקים וואס זענען עוסק אין תורה לשמה בקדושה דרייען איבער דעם דין אז עס זאל זיין אן איבערפלוס פון שפע, ברכה און הצלחה דורכ'ן דן זיין די וועלט לכף זכות מיט זייער עין טובה.

#### חשבון נפש איז א חיוב?

דארפן , דארף אבער יעדער איד אן 'עין טוב' צו דערזען אז אלעס איז גוט און צו זיין 'השמח בחלקו', און די מידה קען מען איינקויפן מיטן אוועק געבן א חלק פון אונזערע אלע זאכן אריינרעכנדיג די רוחניות'דיגע, ווי דער חפץ חיים פלעגט זאגן: 'ווען א מענטשן קומט ארויף צום 'בית דין של מעלה" פרעגט מען אים: 'צו האסטו אפגעראכטן טעגליך א 'חשבון נפש?"

#### אריינכאפן די שעה אין אין מינוט

און אזוי איז וויכטיג אוועקצושענקען יעדע שעה א 'מינוט' אלס א תפילה און הודעה אויף דער פארביי גייענדיגע שעה און אויך אלס א הכנה אויף דער קומענדיגע שעה, אזוי מקדש צו זיין די גאנצע צייט 'לעבודתו יתברך שמו' ווי חסידים הראשונים וואס האבן זיך צוגעגרייט מיט א שעה פארן דאווענען. און מיט די 'מינוט' איז מען מקיים "**והגית בו יומם ולילה**" מיטן רעכנונג אז 'מקצתו ככלו', מכח די מינוט קען מען זיך מתבונן זיין אין 'בו' - דער באשעפער פון אלעמען און אלעס, און אזוי דערזען זיין אלע גוטס מיט א תפילה פון דאנקבארקייט און דאס ווערט גערעכנט ווי ער דאנק און לויבט שטענדיג די גאנצע צייט, ווי עס שטייט 'כל היום היא שיחתי'.

לאמיר צוריקגיין צום ענין - די מצווה פון פדיון הבן און געבן צו פארשטיין איר אינערליכן טעם וואס גלייך ווי די ערשטע רונדע פירות ווערן אפהיטן פאר ביכורים, אויך זעלבס ביי די מענטשהייט שענקט מען דאס בכור, דאס ערשטע קינד אלס א דערמאנונג און הכרה אז 'כי לי כל בכור'... אלץ געהערט פארן איין און איינציגער, דער אויבערשטער.

#### דער משל:

מיר ווילן דאס אויסקלארן מיט א וואונדערליכן משל: א מלך, א קלוגער מיט אסאך קינדער האט ארויפגעשטעלט איבער זיי און זיין הויבט שטאט זיין באליבסטן זון, זיין 'בכור'. אבער די פלוצלונגע מאכט וואס ס'האט אים צושטאנדגעקומען האט צוגעברענגט א קנאה און קריגעריי צווישן

## מתיקות הניסים

### איין גוט ווארט קען ראטעווען א לעבן

**פרייטיג צונאכט בין** איך אהיים מיט מיינע קינדער פון שוהל און צוזאמען האבן מיר געזונגען "שלום עליכם" איינלאדנדיג די שבת צו אונז אין שטוב.

**פארן זינגען "אשת חיל"** האב איך געזאגט פאר די קינדער "איר ווייסט אז מיר דארפן זיין זייער דאנקבאר צו אונזער מאמע אויף אלע ארבעט וואס זי טוהט פארן שטוב און קינדער, וואס אן איר וואלט די הערליכע שבת נישט געקענט ווערן צאמגעשטעלט".

**און האבן מיר** געציילט אלע זאכן וואס זי טוהט פאר אונז ווי - קאכן, באקן, רייניגן, וואשן די וועש, א. א. וו. און אלץ מיט א שמייכל און גוט ווארט צו יעדע קינד... דערנאך האבן מיר צוזאמען געזונגען דעם פיוט "אשת חיל" וואס שלמה המלך האט מחבר געווען אויף דער עקרת הבית.

**אזוי האבן מיר** אנגעפאנגען די סעודת שבת ווען פלוצלונג ביים עסן די פיש האט מיין יונגע זוהן יהושע אנגעהויבן צו זיך דערשטיקן אויף א ביין איך האב פראבירט קלאפן אויף זיין ריקן אבער אן קיין הצלחה זיין פנים האט זיך געביטן די קאליר צו בלוי אונז זענען אלע אריין אין א גרויסע היסטעריע, איך האב שנעל ארויסגעלאפן צו מיין שכן, אבער קיינער ענטפערט נישט די טירה, דער אמת איז אז האב זיך שוין צוגעגרייט צום ערגסטנס.

**מיטאמאל זע איך** מיין פאמיליע לויפן מיר אנטקעגן זאגנדיג אז אלס איז אין ארדענונג, די סכנה האט פאריבער. איך קום אריין און זע יהושע ליגנדיג און מיין ווייב גיסט אים אן א גלאז וואסער, "וואס האט געשען" פרעג איך, "איך וועל דיר זאגן א סוד" האט זי מיר געענטפערט, "היינט פרייטאג האב איך געארבעט זייער שווער זיך מוטשנדיג

דער המשך אויף זייט ד

די ברידער צוליב זיין גרויס האלטן זיך איבער זיי. זעענדיג וואס האט פאסירט האט זיך ביים קעניג בייגעפאלן א פלאן, א לייזונג. פארשיקנדיג די ברידער אוועק צום פיינטס לאנד האט מען זיי אונטערגעטעניגט אלס עבדים און צווישן זיי אויך זיין באליבטן בכור, ווייל מיט זיין גרויסהאלטן זיך האט ער גורם געווען די גאנצע איבערקערניש.

יארן לאנג פארביי און די בענקשאפט האט זיך ערוועקט, די בני המלך האבן געדארשט נאך די בליענדיגע צייטן, די צייטן פון א העכערע באדייט צום לעבן. ווען עס האט זיך דערוואוסט פארן קעניג האט ער זיי גליך אהיים געברענגט, אבער דאס מאל מיט אכט, באפעלנדיג זיין עלטסטן זון: יעדער פרי מארגן נאך פארן אריינגיין אין דיין ספּיציעלן ארבעט-צימער זאלסטו באצאלן דיינע ברידער א שטייער. דאס איז כדי אים אונצוברענגען שפלות און באשיידנקייט דערביי פארמיידנדיג אינערליכע קריגערייען צווישן די ברידער.

### די נמשל:

די נמשל איז זייער פשוט: יעקב אבינו באשטימט זיין יונגסטן – יוסף אלס בכור, אים איבערגעבנדיג זיין קלוגשאפט און דעת ה' דערצו באשענקענדיג יוסף א 'כתונת פסים' כדי אים צו דערהייבן און מכבד זיין בעיני השבטים ווייל ער פלעגט זיי מחזק זיין און אויסלערנען דבר ה' ווי זייערס א רבי.

### אני יוסף!

ווי באוואוסט האט די קנאה פון די ברידער צושטאנדגעברענגט די ערוועלונג פון יוסף אלס משנה למלך אין מצרים, דאס דאזיגע געשעעניש איז געווען ווי א שרייעדיגע תוכחה פונעם הימל 'אני יוסף', דאס אומרעכט פון דערנידערן יוסף מיט די בני השפחות האט אראפגעשיקט די אלע שבטים קיין מצרים. פארוואס טאקע האט אויך שבט יוסף זיך פארקנעכט אין מצרים? ווייל עס האט זיך געפאדערט פון אים צו באהאלטן זיין גרויסקייט - לפי זיין דרגה, כדי צו פארשטילן זייער קנאה אין אים.

### די קנאה נעמט אלע גוטס אוועק

פון אט די פאסירונג גיט אונז די תורה צו פארשטיין די גורם פאר די גלות מצרים, פאר די ווייטאגליכע רדיפות זייערע, ווי די גמרא אין שבת (י:) ברענגט אז צוליב די שבטים'ס קנאה האט מען אראפ קיין מצרים און תוס' איז מפרש אז די פייניגונג פון די גלות אין מצרים האט געדארפט זיין אויף א קלענערן פארנעם, אלס א המשך פון די גלות פון יצחק און יעקב ווי אין דער פסוק שטייט געשריבן: **"ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה** (בראשית טו יג)". און יצחק מיט יעקב האבן געלעבט גאנץ פרידליך אין א פארגליכן מיט די אידן אין מצרים. דאס אלעס איז געטאן געווארן מיטן פלאן אז עס זאל זיך נישט איבערשפילן די קנאה און שנאה קעגן סיי ווער הן יוסף און הן די בני השפחות.

### אלעס האט א פלאן

דער אויבערשטנס פלאן האט גענומען א טריט פאראויס נישט פארגעסנדיג די שורש פונעם פראבלעם, די הערשונג פון איין ברודער איבער אנדערע.

דערפאר האט די רבש"ע ארומגעטוישט די בכורה פיל מאל, אונגעהויבן האט זיך עס ביי יוסף מיט זיין הערשאפט אין מצרים און שפעטער זיך אריבערפירנדיג צו שבט לוי, ווי די זהר הקדוש זאגט (ח"א יז) אז לוי איז די צווייטע אין די רייע אין יעקב אבינו'ס מחשבה. דערנאך האט אויפגעשטאנען א קעניג פון שבט בנימין – שאול, און צום לעצט, דוד המלך פון שבט יהודה א. א. וו. ביי מלכי ישראל. אלעס כדי צו פארמיידן א גאווה און גדולה איבער אנדערע.

> **"און דאס קומט אונז אויסצולערנען די גרויסקייט פונעם זיך קליין האלטען, אז וואס גרעסער און חשוב'ער מען איז אזוי נויטיגט עס זיך צו זיך משפיל זיין און אראפבייגן די גאווה פאר די קלענערע פון אונז"**

### די מכה בפטיש פון יציאת מצרים

נאך א מיטל צו עס פארמיידן איז געווען די מצוה פון פדיון הבן וואס מיט דעם האט זיך געענדיגט די אנגרייטונגען פאר די אויסלייזונג. ווי אין די משל אזוי אויך דארפן אלע בכורים אריינרעכנדיג שבט יוסף באצאלן פינעף סלעים אלס און אנדענק – צו זיך נישט דערהייבן איבערן אנדערן און כדי אים אייביג צו דערמאנען אז ער געהערט בכלל נישט צו זיין משפחה נאר צום כהן. אזוי ווי אין מדרש (בר"ר פד יח) שטייט געשריבן: ווייל מען האט פארקויפט יוסף פאר 20 כסף דערפאר גיט מען 5 סלעים (ווערד 20 כסף) אויפן בכור צום כהן, און איז ממשיך אז אויך די שטייער – 'מחצית השקל' איז א רעזאלטאט פונעם מכירה. אלס א דערמאנונג אז אלע אן קיין שום אויסנאם זענען איין פאלק אונטער איין גאט און קיינער איז נישט חשוב'ער צי וויכטיגער פונעם אנדערן.

### 'לפי די גדולה דארף זיין די שפלות'

די השתלשות הדברים איז געווען א מוסר השכל פאר אונז אז טאמער דער אויבערשטער הייבט דיך אויף געבנדיג א פאזיציע און אמט נעם עס נישט מיט שטאלץ האלט זיך נידריג און געלאסן. אזוי אויך א הויבט-געזינד, דער פאטער אין משפחה דארף אין אכט נעמען די אידעלע פאסט וואס מ'האט אים געשאנקען אין זיך אויפפירן באשיידן בפרט מיט זיין בני בית ווי רבי עקיבא האט מעיד געווען 'שלי ושלכם (מיינע און אייערע ווערק זענען) שלה (אין איר זכות)', 'לפי די גדולה דארף זיין די שפלות', ווי דער באשעפער האט באפוילן די מלכי ישראל **"לבלתי רום לבבו מאחיו"** (דברים יז כ) און גליך דערנאך דערמאנט מען די כהנים מיט לויים אז זיי וועלן נישט באקומען קיין חלק און נחלה און ארץ ישראל, כדי זיי אריינווארצלען די מידה פון עניוות.

### דרכיה דרכי נעם

ווי שוין דערמאנט קענען מיר זיך לערנען א דוגמה פון די גרעסטע צדיקים אונזערע: משה רבינו, דער מלך (ויקר"ר לא ד) און גרעסטן נביא פארהאן, אויף אים ווערט געזאגט **"ענו מאד מכל האדם"** (במדבר יב, ג). ווייטער זעען מיר ביי דוד מלך ישראל ווי ער פלויט זיך א ווערעמל **"ואנכי תולעת ולא איש"** (תהלים כב, ז), א ווערדלאזע בעל חי ווי חז"ל דרש'ענען אויף דוד המלך – **"עדינו העצני"** (שמואל ב' כג, ח) אינעווייניג צו זיך – אין בית מדרש איז ער געווען 'עדינו' א לשון פון ווייכקייט פונקט ווי א ווערעמל און פלעגט זיצן אויף דער ערד אין פארנט פון מפיבושת. עס איז דאך אן אקט פון באשיידנקייט דאס צו טון בפרט בעפער איינער אונטער דיין ווערדע וואס באזידלט און דערנידערט דיך, און דאס קומט אונז אויסצולערנען די גרויסקייט פונעם זיך קליין האלטען, אז וואס גרעסער און חשוב'ער מען איז אזוי נויטיגט עס זיך צו זיך משפיל זיין און אראפבייגן די גאווה פאר קלענערע פון אונז, ווייל אז דו ווילסט האבן א זיסער געשמאקער לעבן מיט דיין משפחה, חברים א. א. וו. און אויסמיידן קריגערייען מוזטו איינקויפן ענווה מיט שפלות.

### א טאפלטע שמחה

און נאך א טעם פארן מצות פדיון הבן: דאס ערשטע קינד איז א טאפלטע שמחה פארן טאטן, ערשטנס ווייל ער האט באקומען א קינד א מתנה, צווייטנס ווייל ביז היינט האט ער נישט געוואוסט צי ער וועט זוכה זיין צו א המשך, צו זיסע קינדערלעך וואס וועלן אויפלייכטן דעם וועלט און זיין זיינס א נחת. און ווייל זיין פרייד איז גאר אין דער הימלן מער ווי ביי זיין איבריגע קינדער, דערפאר איז ער אויטאמאטישערהייט דעם כהן'ס אן אייגנס, כדי צו איינקויפן דעת ה' פונעם כהן ווי אזוי צו שעצן די דאזיגע מתנת ה'.


ניתן לשמוע שיעורים מפי מורינו ראש הישיבה שליט"א בקול הלשון במספר 03-6171171 (לה"ק, קו ישיר)
וכן ניתן לשמוע שיעורים בשפת האידיש במספר 03-6171111 ולהקיש: 3, ו-4, ו-3, ו-26

# א באהאלטענע הכרת הטוב

דאס מכיר טוב זיין פונעם טאטן אנטפלעקט זיך באלד נאכן געמומען ווערן לחיי עולם הבא ווען זיין עלטסטן באקומט א טאפלטע טייל פונעם ירושה ווייל אין זיין זכות האט דער טאטע פארשטארקט זיין אמונה מיט ביטחון און פארמערט זיין לויב מיט דאנק צום אויבערשטן מיט א דאנקבארקייט אויף אלע גוטס זיינע.

**אונז זענען אלע בכורים!**

מיר אויך, די אויסגעקליבנע באליבטע קינדער פונעם בורא עולם דארפן איינזען די שייכות פון אט די לימוד פון אמונה, ביטחון און הכרת הטוב אלס גילטיג צו אונז, מיר דארפן אייביגווארטן אויף דער ישועה מיט אמונה און ביטחון ווייל אלעס איז א מתנת ה', און דער וואס באקומט טאקע זיין ישועה מוז דאנקן און נתפעל ווערן פון אלע גוטס באשאנקען ביז יעצט און ח"ו נישט זיין א כפוי טובה אפילו אויף די קליינע זאכן ווי דער אטעם אין לונגען און בלוט אין הארץ וואס ארבעט אן אויפהער צו דערלעבן דעם מענטש געבנדיג א געזונטע און געשמאקע לעבן. אין דער אמת'ן זענען די כאילו מינדערוויכטיגע חסדי ה' וואס באגלייטן אונז 24 אן אפשטעל נאך גרעסער פון קריעת ים סוף און נאך גרויסע ניסים צי מופתים וואס האבן זיך באוויזן ביי כלל ישראל ווי די גמרא (פסחים קיח.) דרש'נט קשה מזונתיו של אדם כקריעת ים סוף מיט א דעה אין מדרש (ילק"ש ישעיהו נא תעד) אז עס איז נאך שווערער פון קריעת ים סוף וואס איז נאר געשען איינמאל ווארום דער מענטש מיז מען שטענדיג שפייזן כדי די גוף זאל אנגיין און טאן איר ארבייט, און די גמרא (תענית ז.) ברענגט א דעה וואס זאגט אז מתן תורה און תחית המתים דערגערייכן נישט די מדרגה פון א רעגנדיגע טאג, און אפילו לפי די סברא איז עס פארשטענדליך, ווייל א מענטשן איז צאמגעשטעלט פון 80 פערצענט וואסער אריינרעכנדיג די בלוט מיט וואסער-קאנאלן וואס פירן ארום שווייס, פארדייען-וואסערן און אלע סארט אויל און פעטערנס אינעם קערפער. און מיט אן דעם קען מען נישט מקיים זיין די תורה און לעבן.

**ס'שווער???**
**- מ'האט דיר געבעטן שלעפן?**

אויב אזוי, א איד וואס מאכט מיט, שלעפנדיג א שווערע פעקל צרות, דארף זיך שטארקן געדענקענדיג די טייערע אוצרות אין אים און ארום אים. דערמאן זיך פונעם פדיון הבן, א ניי געבוירען קינד, וואס ענטהאלט שוין רייכע גאונ'ישע חכמות פון אט די ערשטע אטעם, אן אויסמיש פון אפאר פשוט'ע מאטעריאלן און וואוו! א קאמפלאצירטע באשאף מיט אן אומשאצבארע ווערדע וואס נאר אונזער בליבטער קען באשאפן. דערמאן זיך פונעם געוויין ביים געבוירן ווערן, א געוויין פון צו סאך גוטס, פון נישט פארמאגן קיין שכל צו שעצן די אור החמה, די וועלטס וואונדער, געדענק עס ליגט אין דיין הענט וואס און ווי אזוי צו פירן דיין מהלך המחשבה, איז טו עס פאר דיינעט וועגן, און גיי ארויס אינעם וועג פונעם עובד ה', **"אנכי ה' אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים** (פון אלע ליידן)" (שמות כ, ב).



הַשְּׁכֵנִים שֶׁל רַבִּי מֵאִיר מְצַעֲרִים אוֹתוֹ וְשׁוֹבְרִים אֶת חָבִיּוֹת יֵינוֹ וְכַדּוֹמֶה, וְלָכֵן רַבִּי מֵאִיר מִתְפַּלֵּל עֲלֵיהֶם שֶׁיָּמוּתוּ, שֶׁהֲרֵי כָּתוּב "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַךְ בְּרוּרְיָה אִשְׁתּוֹ אוֹמֶרֶת לוֹ: 'עָלֶיךָ לְדַיֵּק בַּפָּסוּק שֶׁכָּתוּב "יִתַּמּוּ חַטָּאִים", וְלֹא חוֹטְאִים, וְאִם כֵּן רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל עֲלֵיהֶם שֶׁיָּשׁוּבוּ בִּתְשׁוּבָה וְ'שָׁפִיל לְסֵיפֵיהּ דִּקְרָא' – עָלֶיךָ לְהִתְבּוֹנֵן בְּסוֹף הַפָּסוּק, שֶׁמְּלַמְּדֵנוּ הֵיאַךְ נָשִׁיב אֶת הַחוֹטְאִים בִּתְשׁוּבָה עַל יְדֵי שֶׁנְּלַמְּדֵם לְקַיֵּם "בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה' הַלְלוּיָהּ", לְהוֹדוֹת לַה' עַל כָּל חֲסָדָיו הַמְּבֹאָרִים בְּמִזְמוֹר זֶה שֶׁתְּחִלָּתוֹ כְּסוֹפוֹ וּמְדַבֵּר מֵחֶסֶד בְּרִיאַת הָעוֹלָם, הַלִּוְיָתָן' וְכוּ'.

רבי מאיר און זיין ווייב ברוריה דאווענען אויף די רשעים ער בעט זיי זאלן שטארבן און זי בעט דאס פארקערטע, ווער איז גערעכט און פארוואס? די ענטפערס וועט איר טרעפן ביים מאמר: **אומדאנקבארקייט צו דער מאמען?!...**

להארות ולהצטרפות למנויי .מתיקות השבת, ולמכתבים למערכת:
alonmetikut@gmail.com **או:** 11337788m@gmail.com

# אומדאנקבארקייט צו דער מאמען?!...

ברוך... שלא עשנו אשה, א ברכה וואס מ'זוגט יעדער אינדערפרי, ווארשיינליך קוקט עס אויס ווי א כפיות טובה אין דער מאמען וואס האט אים אהערגעברענגט צו דער וועלט און אויפגעהאדעוועט מיט אזא הארעוואניע און אזוי אויך איז עס ממש א זלזול און דער ווייב וואס פלאגט זיך טעגליך זיך אהערשטעלנדיג צום מאן און קינדער מאכנדיג זיכער די שטוב פארט גלאט מיט אלע אירע געברויכן **"ותקם בעוד לילה ותתן טרף לביתה וחוק לנערותיה... ולחם עצלות לא תאכל"** (משלי לא, טו).

## יא אדער ניין?...

נאר מען דאנקט דעם באשעפער פארן אונז נישט מאכן אויכעט אן 'אשה' – אזוי ווי מ'האט באשאפן אדם הראשון אין אנפאנג **"זכר ונקבה ברא אותם"** (בראשית א, כז), עיין רש"י. דאס לעבן אויף אזא אופן איז שרעקליך, נישט אויסצוהאלטן. 2 מחשבות און ווילן, ס'קען משוג'ע מאכן א מענטשן - דער מאן וויל גיין אהין די ווייב אהער און ס'גייט פריילעך...

## לאמיך אפ! איך וויל טראכטן א מינוט...

נאך מער, אויב זיי וואלטן געווען איין קערפער וואלטן זיי אויסגעגאנגען פון צער, דער מאן ווייסט וואס זיין ווייב טראכט און דאס איז זייער נישט בא'טעמ'ט, ס'נישט א נארמאלע לעבנסשטייגער דערפאר האבן די צדיקים (ווי באוואוסט) געדאווענט מ'זאל נישט וויסן וואס גייט פאר ביים צווייטן ווייל ס'איז א גרויסע צער צו זיך דערוויסן פון אלע עוונות זיינע, גלייך ווי ביי פיזשע מחלות פון מענטשן שטערט עס זייער און ברענגט אן א גרויסע טרויער אויפן מענטש אזוי אויך איז די עבירות ביי די צדיקים.

## נאר איין זאך איז געבליבן

אפילו מ'האט זיי צוטיילט אויף צוויי געבנדיג די ווייב רוב טעכנישע און וועלטליכע פליכטן, האט מען גענוג איבערגעלאזט פארן מאן דאס איז: זיך אויסצוארבעטן און טרעפן אין זיך זיין אייגענע קוואלן פון גוטס, ווי צום ביישפיל 'עין טובה' וואס מ'האט גע'ירש'נט פון די אבות הקדושים – אברהם, יצחק און יעקב, אז דו זאלסט זען גוטס ביי דיך און אנדערע, פארשטעלנדיג דיין אויגן פון זען שלעכטס, אפילו אז ס'געפינט זיך טאקע שלעכטע מידות ביים אנדערן, און דאס געפינען גוטס ביי יענעם איז א גרויסע תענוג און שמחה, אזא סארט רוח הקודש וואס נעמט ארום א מענטשן גענוי ווי די צדיקים און בראשם דוד המלך וואס האט מגלה געווען זיין פנימיות'דיגע נאטורן בעטנדיג **"וראה אם דרך עצב בי ונחני בדרך עולם"** (תהלים קלט, כד) און האט אריינגעטראכט מיט א טיפערע באטראכטונג צו טרעפן זיינע גוטע קוואלן וואס פליסן אין אים ווי מיר טרעפן אין דער מזמור - **"לדוד משכיל"** (תהלים לב, א) באריכות.

"און דאס געפינען גוטס ביי יענעם איז א גרויסע תענוג און שמחה, אזא סארט רוח הקודש וואס נעמט ארום א מענטשן גענוי ווי"...

## זי טוט אלעס, וואס טו איך?

און פונקט פארקערט מיט די ברכה 'שלא עשנו אשה' דאנקן מיר אויפן ספעציעלע חסד – די ווייב, וואס טוט אונזערע אלע באדארפן נאך בעסער פונעם מאן **"והללוה בשערים מעשיה"** (משלי לא, לא).

## מצא טוב...

נאך א חסד ה' מיט דער ווייב, איז אז זי בייגט דעם מאנס רצון פאר א גוטע, און דערהייבט זיין זעל, אים צוגעבנדיג גוטע מידות, ווי ברוריה רבי מאיר'ס ווייב וואס האט אהיים געברענט הלל'ס מידות פון 'דעלך סני לחברך לא תעביד' (שבת לא.) און אויסגעלערנט איר מאן די דאזיגע דערהויבנע דרך אין עבודת ה'.

## הלל הזקן'ס בעלי תשובה...

ווי די גמרא דערמאנט רבי מאיר'ס תפילה וואס ער האט געביטן בזכות זיין ווייב, ער פלעגט אלץ דאווענען אז די רשעים זאלן שטארבן און עס שפעטער געביטן צו: 'ריבונו של עולם דו האסט דאך באשאפן די בעלי עבירה כדי זיי זאלן עוסק זיין אינעם פעלד-ארבעט, טאטע טייערער ביטע ווייז זיי אן דיין געוואלדיגע חסדים און דערנענטער זיי צו דיר". ווייל ר' מאיר האט פארשטאנען פון זיין ווייב'ס ערקלערונג אז ס'דא פארשוינען וואס קענען נישט זיצן לערנען נאר מוזן טרעפן דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט אינדערויסן אין די פעלדער און אויף אונז ליגט די אחריות זיי מחזק און מקרב צו זיין לעבודתו יתברך שמו. און בזכות זיין ווייב האט ער זיי אויסגעלערנט **"ברכו נפשי את ה' הללוי-ה"** – צו דאנקן דעם אויבערשטן דורכן פעלד-ארבעט מיט אהבת און יראת ה', ביז זיי האבן פון זיך אליינס תשובה געטאן.

# מתיקות הנסים
## דער המשך פון זייט - א

אויפצורייניגן די איבערגעדרייטע שטוב, איך האב געארבעט שווער אן אויפהער ביז די כניסת השבת מיט אן א טראפ כח צו זיך רירן.

**מחשבות פון טרויער** האבן זיך אנגעהויבן אריינקריכן אין מיין קאפ, 'פארוואס אנערקענט קיינער נישט מיין ארבעט פארן שטוב' האב איך צו זיך געטראכט, 'פארוואס דארף איך פילן ווי א שמאטע ווען ס'אינטערעסירט קיינעם נישט בכלל מיין מיה און שוויס וואס איך לייג אריין אין שטוב'.

**אזוי טראכטנדיג** די אלערליי מחשבות זענען אייך אהיים געקומען און מיר אנגעהויבן באדאנקן און אויסרעכנען אלעס וואס איך טוה פאר אייך אלע" - "וויסן זאלסטו" האט זי מיר מגלה געווען "ווען דו האסט מיר אט משבח געווען האב איך געפילט ווי אלע מיינע פרישע כוחות קומען צוריק, א נייע מענטש!"

**"און ווען דאס** קינד האט זיך דערשטיקט האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום באשעפ]ער זאגנדיג "טייערער גאט אין דעם זכות וואס מיין מאן האט מיך געשעצט און אויסגעלויבט און מיך משמח געווען גיב אונזער זוהן א רפואה אין זכות פון מיין מאן" ווי נאר איך האב געענדיגט מיין תפילה האט ער צוריק צו זיך ווי גארנישט האט געשען.

**פון יענע פרייטיג** אן, טו איך כסדר אויסלויבן מיין עקרת הבית בפרט ביים שבת סעודה וואס נאר נאכדעם זינג איך "אשת חיל" - יא! איין גוט ווארט קען ראטעווען א לעבן

ש. ד. ל. בני ברק

און פונקט פארקערט מיט די ברכה 'שלא עשנו אשה' דאנקן מיר אויפן ספעציעלע חסד - די ווייב, וואס טוט אונזערע אלע באדארפן נאך בעסער פונעם מאן "והללוה בשערים מעשיה" (משלי לא, לא).



© כל הזכויות שמורות. ניתן לצלם ולהפיץ במתכונתו ובצורתו בלבד ללא שום שינוי.
מכון מתיקות: 052-7162314

ניתן לתרום דרך "קהילות" וכן בקישור:
https://kehilot.info/donate/562